Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

**Literarisze Bleter**

אין אויסל. 10 סענט, אין פוילן 40 גר.

# ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט

אבאָנ.־פרייז מיט פּאָרטאָ:
א 1/2 יאָר—8 גילדן, 1/4 י.—4 גילדן, 1 חודש—1,70 גילדן, אויסלאַנד א 1/4 יאָר 1 דאָלאַר.

אַנאָנס־פרייז:
פאַר 1 מילימעטער שורה 18 גר:

אדרעס פון רעד. / אדמ. און רעפערענזן־קרייז:
„Literarisze Bleter",
Warszawa, Leszno 36, m. 22

פאַר געלט: P. K. O 9.858

טעל. — 210-71

2־טער יאָרגאַנג

Nr. 71 | וואַרשע, פרייטאָג 11־טן סעפּטעמבער 1925 | פאַרלאַג ב. קלעצקין

**אינהאַלט:** ווידער רעד רעש אַרום אונזער בוך — יעקב מעסטל / וולאַדיסלאַוו ריימאָנט און זיינע „פויערים" — לעאָ פינקלשטיין / לעגענדעס וועגן בעל־שם־טוב — ש. ניגער / לידער פון אַדורכגייער — ה. לייוויק / דאָס פאָלק און זיין קולטור (II) — א. גאָלאָמב / וועלט־ליטעראַטור: די נייע איטאַליענישע ליטעראַטור (סוף) — נ. סלאָנים / טעאַטער: בריקלעך — מ. ווייכערט; קאַראָל אַדוועגטאָוויטש וועגן יידישן טעאַטער; אַ ווענדונג צו אַלע יידישע אַרטיסטן / אַרום די יידישע פילמען — יצ. ב. טורקאָוו / רעצענזיעס: אברהם רייזען: „דער איד אין קאַנאַדע" — נ. / טריבונע: אפשר אַזוי אַרומערט? — משה לערער; וועגן די בריוו אין רעדאַקציע — אהרן מאַרק / כראָניק / אַנאָנסן.

## ווידער דער רַעש אַרום אונזער בוך

יעקב מעסטל (ניו־יאָרק)

**א**ון ס'וועט אונז ניט העלפן. פאַראַנען אין ניו־יאָרק גאַנץ שיינע בולוואַרן מיט געדיכט־געפלאַנצטע ליפּעס און דעמבעס — אָבער זיי וויאַנען. וואָס מען זאָל ניט פּרוּוון טאָן, זיי צו ראַטעווען — מען וועט זיי ניט אַרויסדרייען פון זייער גורל. די וואָלקן־קראַצערס באַרויבן זיי פון לופט און זון, און בפרט די אונטערערדישע באַנען, וואָס גראָבן אונטער זייערע וואָרצלען און פאַרברענען זייער תמצית. איז־כאָטש פאַרקערעווע די רעלסן אויף אַנדערע וועגן, אָדער שיק די ביימער אויף דאַטשעס. אַנדערש וועט מען זיי ניט דערהאַלטן ביים לעבן.

זיפל מיר זאָלן ניט אויסשרייען אונזער קלאָג אויף דעם קרענקלעכן מצב פון אונזער בוכהאַנדל און בוכלעזער — מיטן קאָפּ וועלן מיר די וואַנט ניט דורכגריזשען. לייענען אַ בוך, ווי דאָס געניסן פון קונסט בכלל, איז ניט קיין פראַגע פון יושר און צדקה און אַפילו ניט פון נאַציאָנאַלע סענטימענטן און איבערצייגונגען. דערצו געהערט שוין דערציונג, געשמאַק — און אַ היפּש ביסל אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציע.

דער פאַקט איז: מען לייענט איצט ניט קיין ביכער. ניט נאָר ביי אונז — ביי גוים אויך ניט. איך רייד דאָ קודם־כל וועגן אַמעריקע. די „דערוואַכונג" פון פיזישער קראַפט מאַכט איינדרעמלען די גייסטיקע באַדערפעניש. זאָל אונז דאָ דערלויבט זיין די פּאַראַפראַזע: אין אַן איבערגעזונטן גוף געפינט זיך אַ מינדערגעזונטער גייסט. דער ספּאָרט פון „פוס־באָל" און רינג־קאַמף לאָזט פשוט ניט קיין צייט פאַרן בוך. בפרט אַז אַפילו דער „פּראָפעסיאָנעלער" בוך־לייענער, דער שטודירנדיקער אינטעליגענט, מוז פאַרמיטאָג זיצן אויף דער שול־באַנק, און אָוונט פאַרדינען אויף חיונה און נאָכמיטאָג—מיטמאַכן די מאָדע פון ספּאָרט. אַחוץ דעם סענסאַציאָנעלן ראָמאַן, אי־בער וועלכנס אינהאַלט עס אינפאָרמירט אים איין מאָל זונטאָג אַן איבערפלעכלעכע רעצענזיע, — האָט ער ניט די מינדסטע ידיעה וועגן שיינער ליטעראַטור. די 16 ביז 32 זייטיקע צייטונג פאַרטרעט אים שוין אַלץ. דאָרט דערוויסט ער זיך וועלכער „קאַלעדזש" עס איז דער ביליגסטער, ביי וועמען ער האָט צו זוכן אַ „דזשאַב", ווער עס איז דער טשעמפּיאָן פון היינטיקן „פייט" — דאָרט לייענט ער כישופדיקע „סטאָריעס" וועגן געהיימסטע קעמערלעך פון מאָרדאָן גט־פּראָצעסן.

און אַזוי ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס ביים יידישן סטודענט קומט נאָך צו די בר־מצווה־דרשה, און ביים יידישן אַרבעטער — די פּאַרטיי־פּאָליטיק. דערצו מאַכט זיך, אַז — צוליב פאַרשיידענע טעמים — באַנוגנט זיך ניט דער ייד מיט איין צייטונג: ער לייענט נאָך דעם „פאָרווערטס" מיטן „מאָרגען־זשורנאַל", דעם „טאָג" מיט דער „פרייהייט" — און צו מאָל אַלע צוזאַמען מיט אַ וואָכנבלאַט דערצו. בלייבט אים טאַקע קיין צייט ניט פאַרן בוך. גייט אַריין אין די אונטערערדישע באַנען, וואו דער ניו־יאָרקער באַוואוינער פאַרברענגט עטלעכע שעה פון זיין טאָג: גאַנצע בערג צייטונג־פּאַפּיר אין די הענט. און טרעפט איר וואו אין ווינקל אַ מיידל, וועלכע האַלט אַ בוך — זייט זיכער, אַז די איז אַן אויסלענדערקע אָדער אַ „גרינע".

שטעלט איר די פראַגע: אויף וואָס האַלטן זיך די צענדליקער און הונדערטער ענגלישע ליטעראַטור־ און קונסט־זשורנאַלן און ביכער־אויסגאַבן? די זשורנאַלן קודם־כל אויף ריזיקע אַנאָנסן, און די ביכער (זאָלן מיר זיך ניט שעמען עס אַרויסצוזאָגן!) קודם־כל אויף די בורזשואַזע סאַלאָנען. (אַזוי ווייניקסטנס איז עס געווען ביז דאָ ערשט ניט לאַנג). און געפינט זיך אויך אין אַמעריקע אַ טויזנט־קעפּיקע צאָל ביכער־לעזער צווישן דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, איז עס אַ פשוטע סטאַטיסטישע דערשיינונג: צווישן

# אַן אָפענער בריוו צו פּרץ מאַרקיש

ווערטער קאָלעגע מאַרקיש: —

די צייט, ווי איר פאַרשטייט, איז אַזעלכע, וואָס „אויף די דראָטן פון אונזערע ברעמען זיינען צעהאָנגען רויטע אילומינאַציעס", ניט ווייל „ביי די פענסטער פון אונזער הימלאָזיקייט קלאָגן אָנמולדיקע נעכט", [1] נאָר ווייל אין אונזער ליטעראַריש ווינקל — וואו דער וועג פירט פון „פּאַרנאַסעס" אין קאַפע „אייראָפּע" און צוריק, פון „מאָרגן זשורנאַל" אין דער זעלבער קאַפע און צוריק, א. אַז. וו. — האָט זיך אַ ביסל אַ רודער געטאָן:

עטוואָס פריער איז אָפּאַטאָשו אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע און באַלד האָט זיך לייוויק אַרויסגעלאָזט אין זיינע פּיסטריט.

נאַטירלעך, האַרטן מיר אויף געוויסן, אויף אינטימערע גע־ריסן, ווי מיר זיינען ביכולת אויסטוישן זיך אָן דירעקטע אַמבאַסאַדאָרן. און אָט, דערגרייכט אונז דער נומער 59 פון „די ליטעראַרישע בלעטער".

מיר לעזן פראַנץ קאַפקאַס דערציילונג: דאָס שטעלט צופרידן אונזער קינסטלעריש געמיט. מיר בליקן אַריין אין ווײַבלס טרויעריק אַרטיקל איבער דער ליקווידירונג פון דער אָרגאַניזאַציע „קולטור־ליגע", און ס'גיט אונז אַ טיאָכקע אין האַרצן: געווען אַ קליינער אָאַזיס אין אונזער קולטורעלן מדבר און — אויס. דער וויטאָג ווערט עטוואָס געלינדערט אַדאַנק נ. מ.—ס אַרטיקל וועגן „דעם דיבוק אין פּיליש". גם־זו־לטובה. באַלד אָבער, אַלס שווידערלעך קעגנגעוויכט, דערציילט אונז א. אַלפערין „וואָס איז געוואָרן פון „טוביה דעם מילכיקן" אין עדמאָנד פלעגס „איבערזעצונג אויף יודעאָ־פּראָוואַנצאַליש פון עלזאַס". ענדלעך — ס'פאַרכאַפּט דער אָטעם. מיר דערבליקן ה. לייוויקס בילד און, זייט ביי זייט, אַ באַשיידענער באַריכט איבער דעם לייוויק־אָוונט אין פּאַריז.

אַלזאָ: דאָס ווילן מיר דאָך טאַקע באמת ה'סן.

יאָ. טאָ ווי אַזוי־זשע האָט מען עס אויפגענומען דאָרט „אונזער" לייוויקן? איר ווייסט עס אפשר ניט, אָבער מיר קענען אים דאָך: אַ שטילער, אַ באַשיידענער, אַ פאַרחלומטער, זאָל ער חלילה נכשל ווערן אין אַ פרעמד לאַנד, אויף אומהיימלעכע וועגן, דורך פרעמדע זיטן און מנהגים.

לעזן מיר.

שוין נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער פון באַריכט ווערט אונז עטוואָס לייכטער, קריגן מיר צוטרוי צו דער וועלט מעבר לים, אַז זי וועט מער ווי אַכטונג געבן אויף אונזער אַמעריקאַנער דיכטער, ס'זאָל אים קיין בייז געשען.

„ביי אַן איבערפולטן טעאַטער, וואָס פּאַריז האָט קיינמאָל ביי יידישע ליטעראַרישע אָוונטן ניט ביי־געוואוינט, האָט דאָס פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם דיכטער גופא, פון..."

דאָס צעטל קלינגט ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע ליגע פון קינ־סטלער. —

„...באַגריסט דעם דיכטער לייוויק צוזאַמען מיטן פילקעפּיקן עולם אין לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן".

האָט זיך, הייסט עס, אונזערער אַ קינסטלער סוף־כל־סוף דער־לעבט אַז „אין אַ באַגייסטערטער שטימונג פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און אינטעליגענץ..." (און וואו? אין פראַנקרייך, אינם וויגל פון אַ וועלטלעכער קולטור וואָס האָט זיך געהאָדעוועט דורות־לאַנג אויף אַזעלכע קולטורטרעגער ווי מאָנטען, פּאַסקאַל, ראַבלע, רוסאָ און וואָלטער; אויף אַזעלכע קינסטלער ווי באַלזאַק, פלאָבער, סטענדאַל, הוגאָ און פראַנס; אַזוינע דיכטער ווי ווילאָן, ראַסין, מאָליער, ווערלען און באָדלער; קריטיקער ווי סענט־בעוו, טען און גורמאָן), האָט איר, ווערטער קאָלעגע, „דעם אָוונט געעפנט... מיט אַן איינלייטונגס־וואָרט איבער לייוויקן, אין וועלכן (איר) האָט אָנגעוויזן, אַז לייוויק איז שוין אַרויס פון יע־נער „ליטעראַטור"־אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז נייטיק צו מעסטן מיט דער מאָס פון ליטעראַרישן אַרשין. אַז די גייסטיקע טיפּן פונם יידישן פאָלק, אויף וועלכע י. ל. פּרץ האָט אָנגעוויזן, האָט לייוויק בשלום געגרונטעוועט און פון דאָרטן, פון די טיפן זיך אויפגעהויבן און דערהויבן אַ געלייטערטער אין גייסט".

מילא דאָס, וואָס איר באַהויפּט ווייטער, לויט דעם באַריכט, אַז „לייוויק איז איינער פון די פריידיקע דאָקומענטן, אַז די גע־שיכטע פון יידישן וואָרט איז אונז קיין בעל־חוב ניט געבליבן", וועלן מיר אייך לייכט מוחל זיין. אפשר איז לייוויק שוין די לעצטע „עקספּעדיציע פון ערשפלאַנען אויף די הימאַלאַיען פון אונזער מוח" [2]. אַלע ביז לייוויקישע עקספּעדיציעס וואָס מיר האָבן „אָפּגעלאָזט" זיינען, משמעות, אומגעקומען, אָדער דרייען זיך אפשר אַרום מיט בלינדע אויגן אויף גאָטס באַראָט, ערגעץ אונטער די הרי חושך און קענען ווייטער וועג צו אונז צוריק ניט געפינען מיט די נייע עשרת הדברות, וואָס זיינען זיי פון דער פמליה של מעלה אָנגעטרויט געוואָרן, טאַקע פאַר אונז. און צווישן „די הונדערט אַנדערע", וואָס מיר האָבן נאָך זיי אַרויסגעשיקט, האָט לייוויק בשלום זיין לופטפליערשע רייזע דורכ־געמאַכט. ווי געזאָגט — אפשר. אָבער אַז עס איז שוין ניט „נייטיק צו מעסטן לייוויקן מיט דער מאָס פון ליטעראַרישן אַרשין". —

היתכן? — דערהויפּט, אַז דער אויסדרוק זאָל שטאַמען פון אייך, אַ דיכטער, ביי וועמען עס שפּיגלט זיך אָפּ דווקא די מעלה, וואָס איז גייסטיק אַנטקעגנגעזעצט דעם אויסגעשריענעם לייוויקישן דרך — „אומקום".

ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס איר באַשטייט אַז „אונזער מאָס איז ניט שיינקייט נאָר־שווינדלעכקייט" [3], שטעלט איר דאָך אַוועק פאַר דער ציטאַטע — „זינגען מיר! — פון אייך זעלבסט אונטער־שטראָכן. און אין אַ רעפלעקסיע [4] וואָס איז פּיליכט ניט דורכאויס אָפּטימיסטיש, אָבער מעליאָריסטיש אַמווייניקסטנס, באַגעגענען מיר אין אַ קאַוואַלקאַדע אַזאַ צוגאַנג צו אונזער לעבן ווי אייך צו אונזער ליטעראַריש האָב און גוטס:

„— אויפגעטראָגן ווערן!

„ס'פלאַקערט אויף אים אויף אַ ליכטיקער געשיכטלעכער ווילן:

„— אויפגיין!"

„אויפבליען!"

„— לעבן —"

ווי פּאַרט זיך דאָס אַזוי לייכט מיט דעם פּראָגנאָסטיקער פון „אונטערגאַנג"? און ווי זאָלן מיר נאָך אייער אויסדרוק איבער דער ליטעראַרישער מאָס אין איר אָנווענדונג אויף לייוויקן פאַרשטיין אייערע ווערטער:

„מיר, אַלע, זיינען שוין צו קלוג און צו ערפאַרן, אַז מיר זאָלן גלייבן דעם קינסטלער „אויפן וואָרט", אַפילו ווען דאָס וואָרט איז באַשמעקט מיט פּערפום פון נביאות?" [5].

דערלויבט אונז ניט דער אויסדרוק צו דערוואַרטן, אַז איר, לכל־הפחות, האָט געמעגט ניט אַזוי לייכט רעאַגירן און זיך לאָזן כאַפּן אויף דער ווענדקע פון יובלדיקער קריטיק, אַז „אויף דער יידישער

---

1) פּרץ מאַרקיש. „מאַניפעסט", כאַליאַסטרע, נומ. 1.

2) דאָרט.

3) דאָרט.

4) דאָרט.

5) פּרץ מאַרקיש, „מיט פאַרמאַכטע אויגן". ביכערוועלט, נומ. 3, ערשטער יאָרגאַנג, ז. 1.

### III

**בײַ די ברעגן פון דער נאַכט**

מיר קומען — שהעלבעלעך אַטקעגן ווינט געצויגן מיט גרינער
פלאַטערונג דורך בלויע טעג
און ווערן חראַנעס — שוואַרץ מיט שאַרפֿע פליגל — שרעק
בײַ די ברעגן פון דער נאַכט.
וועסט אומקרייזן די פעלזן-בערג
און נידערן צום טאָל.
וועסט ציען איבער מדבר-ערד
און זוכן זיך דיין ברויט.
וועסט קומען איבער ים געפלייצט
און איספרענען און דאָרשט.
וועסט איפרייסן — אַ בלין געשטרייפט
ווינזאַגיק און פאַרטיין.
מיר קומען—שהעבעלעך אַנטקעגן ווינט געצויגן מיט גרינער
פלאַטערונג דורך בלויע טעג
און ווערן חראַנעס — שוואַרץ מיט שאַרפֿע פליגל — שרעק,
בײַ די ברעגן פון דער נאַכט.

## משפט

**אטאָשו**

די קלויסטער-גלאָקן האָבן זיך שטיל צעווינט, יונג און אַלט זיינען אומרוהיג געוואָרן, אַנידערגעקניט און זיך געניטען צלמען. ערגעץ האָבן פרויען זיך טרויעריק צעוויינען. אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט. און וואָס שטאַרקער די קלויסטער-קלאַנגען זיינען געוואָרן, אויפגעציטערט די לופט, זיך געקייקלט צווישן די בלויע בערג, ווי ווייטע הינען, אַלץ טרויעריקער האָט זיך דאָס פויערישע געזאַנג געהויבן איבער די צעשויבערטע קעפּ.

מאַמעס, ווידעס האָבן געהאַלטן קינדער, איניקלעך אויף די הענט און מיט אומגעדולד געוואַרט די פּראָצעסיע זאָל זיך אָנהייבן.

אַ פאַרזעעניטן אַ זקן, ווי אַ פאַרשימלטער גען, איז געשטאַנען צווישן פויערים און דערציילט וועגן אַ „יודאַש", וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אינמיטן דער פּראָצעסיע און איז פאַרשוואונדן אויף אַ בעזים. דאָס האָט אים געהאָלפן די אַלטע מינאַצקאַ, די מכשפה, וואָס האָט



אומרו וואַקסן משוגעים. אויף דער יידישער אומרו וואַקסן אויך משוגעים" [6]? אַפילו דער ציטירטער קריטיקער, מאַכנדיק אַ חשבון-הנפש, טוט צום סוף פון זיין באַגייסטערטן אַרטיקל אַ פרעג: „האָט זיך ליריקן איינגעגעבן צונויפצושמעלצן די אַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע זיין ווערק איז אַזוי רייך, אין איין גאַנצן סימבאָל?" און זיין ענטפער איז: „נאָר אין איניקע מאָמענטן" [7].

מיר נעמען ניט אָן פאַר אומטעגלעך אייער מעגלעכע רעוויזיע פון דער אָנשויונג אויף דער וואָרט-קונסט, ווי זי מאַניפעסטירט זיך אין אייערע אַרטיקלען, פון וועלכע מיר ציטירן. אין לעצטן פאַל, גלויבן מיר, איז אייער התחייבות געווען ניט נאָר צו דערקלערן דאָס, אין וועלכן איר גלויבט ניט מער, נאָר אויך אונז קלאָר מאַכן דעם „...יש" מיט וועלכן איר וועקסלט דעם „אין". עפּעס אַ מאָס מוז דאָך זיין פאַר דעם קינסטלער, ווי געניאַל ער זאָל ניט זיין. עס וואָלט געווען באַנאַל פון אונזער זייט צו ציטירן די אויסגעשריענע פּאָלעמישע קריטיק, וואָס גייט אָן אין שעקספּירס באַצוג, פאַר די לעצטע דריי הונדערט יאָר. אין דער **ליטעראַרישער** קריטיק גילט נאָך, אַפילו אויף דעם ושני קיין אַנדער מאָס, ווי די קינסטלערישע, אָדער, כדי צו באַנוצן דעם אויסדרוק איבער וועלכן מיר

אַמפּערן זיך — די ליטעראַרישע. וואָס פאַר אַ מאָס, ווערטער קאָלעגע, דאַרפן מיר באַטראַכטן פון איצט אָן אי"ז די פּאָסיקסטע אָנצווענדן אין באַצוג צו ליוויקן?

ביז איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דער וואָרט-קינסטלער, „וואָס דערגרייכט אַפילו", קען אויך מיט קיין אַנדער מאָס ניט געמאָסטן ווערן, ווי נאָר מיט דער ליטעראַרישער. מאַניפעסטירט זיך אַ ספּעציפישער ווידערהילך צו דעם „אַרשין", טאָ באַנוצט מען זיך מיט אַ „יאַרד", אַ „מיס", אַ „תחום" — וואָס פאַר אַ מעריום-מאָס עס זאָל ניט זיין, איז עס דאָך ניט קיין אַנדערע, ווי די ליטעראַרישע (קינסטלערישע) פאַר אַ ליטעראַטאָר (אַ קינסטלער).

טאָ ווי-זשע קומט עס פאָרט, וואָס איר האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט, ווערטער חבר מאַרקיש? איז עס ניט מער, ווי אַ טאָסטמייסטערישע רעדע, פּאַסיק פאַר די אומשטענדן? צי איז עס דער פאַל פון אַ פרוידישן אינטראָווערט, דער קאָנטראַסט, פון וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ אַזוי בריליאַנט אין פאָרטרעפלעך אין אייער אייגענער «Maestoso Patetico»:

„אָ, לידיקע שפּן,
„פאַרדהאָנגען מיט נעפּלען, פאַרפירטע, וואו פירט איר?"

13 אויגוסט, 1925, ניו-יאָרק

מיט חברשן גרוס
מיכל ליכט, נ. ב. מינקאָוו,
י. סטאָדאָלסקי, ש. קורץ

6) א. ליטוואַק, לייוויקס „גולם", ביכער-וועלט, נומ. 4—5, ז. 366.
7) א. ליטוואַק, לייוויקס „גולם", ביכער-וועלט, נומ. 6, ז. 517.



## אַ קורצער סך-הכל

**פון VII צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַרטיסטן אין פוילן**

אָנגעהויבן האָט זיך דער צוזאַמענפאָר ביי זייער אַ געדריקטער שטימונג. די זעכציק-זיבעציק צונויפגעקומע יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען געווען גלייכגילטיק צום צוזאַמענפאָר, אָן שום אינטערעס און אָן דעם מינדסטן גלויבן אין אַ וועלכער ס'איז ישועה.

קיין איינער פון זיי גלויבט ניט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל לייזן די איצטיקע אָנגעווייטאָגטע פראַגן, ער זאָל מעגלעך מאַכן אויף וויפל ניט איז אַרויסצוגיין פון דעם קאַטאַסטראָפאַלן מצב, ער זאָל בכוח זיין אַפילו אויף אַ האָר צו מילדערן די נויט, אין וועלכער ס'געפינען זיך איצטער כמעט אַלע יידישע אַקטיאָרן אין פוילן.

אינם עפענונגס-זאַל קלאָגט זיך דער פאָרזיצער פון דער

געקליבן געוואָרן כדי אויסצופאָרשן די באַריכטן) אָנערקענט, אַז ער איז פול מיט פערזענלעכע, ניט-פאַרדינטע און טענדענציעזע אָנגריפן אויף דער פאַרוואַלטונג.

אַגב: דער צוזאַמענפאָר האָט דערפאַר באַשטראָפט די רעווידיר-קאָמיסיע און אויסגעדריקט צוטרויען און אַ דאַנק דער פאַרוואַלטונג פאַר איר טעטיקייט.

ערשט אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי ס'זיינען אויסגעהערט געוואָרן די צוויי רעפעראַטן פון י. נאָזשיק און ד"ר ווייכערט וועגן אָרגאַניזאַציע און ווייטערדיקער טעטיקייט, איז אַ ביסעלע לעבעדיקער געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר.

די פּלענער און מיטלען, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך די רעפערענטן ווי אַזוי צו ראַטעווען די לאַגע, באַפעסטיקן די אָרגאַניזאַציע, האָבן אַרויסגערופן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע

אדרעס פון רעד. / אדמיניסטראַציע:
רעפֿערענצן-קרייז:
„Literarisze Bleter",
Warszawa, Leszno 36, m. 22
אויף אַן ענטפֿער צולייגן
אַ מאַרקע
P. K. O 9.858 :פֿאַר געלט
210-71 — .טעל

2-טער יאָרגאַנג

...זאַכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט

Nr. 73 | ווארשע, פֿרייטאָג 25-טן סעפּטעמבער 1925

...אָדער מעסיקייט — פּרץ מאַרקיש / די צענטראַלע פֿאַר יידישער ביבליאָגראַפֿיע - מ. ווייַנרייַך / דער ...
...ה ראָזענפֿעלד / אַ שמועס מיט י. אָפּאַטאָשו / דער נזיר פֿון ווילנע — אַנדרע זשערמען / פֿלאַ-...
...פֿון יידישער קונסט — י. ליכטנשטיין / אַנקעטע-סך-הכּלען / ש. ניגער וועגן זיך / טריבונע / כראָ-
ניק / אַנאָנסן.



י. אָפּאַטאָשו
...זיין אָפּפֿאָר פֿון פּוילן

# מאָס אָדער מעסיקייט

**אַן ענטפֿער די ח״ח מיכל ליכט, נ. מינקאָוו, י. סטאָדאָל-סקי און ש. קורץ**

## פּ ר ץ  מ אַ ר ק י ש

— דאַכט זיך, וואָס?

— אַן אָוונט!

אַ געמיטלעכער ליטעראַרישער אָוונט אויף רי-לאַנקרי נ. 10, דאָרט, וואו יידישע עמיגראַנטן, בייטלמאַכער און אַרבעטער פּטרן צו צוויי-דריי מאָל אין וואָך די פּאָר פּאַראיבעריקטע שעה מיט די פּאָר פּאַראיבעריקטע פראַנק אויף „משה, וואו קריכסטו?" און אויף „בר-כּוכבא" מיט די ליבלינגען פֿונם „פּלעצל" —

מיט חייקעלע בורשטין, מיט מכלכּל חיים, און מיט יאַנקעלע לערמאַן אין די קרוין-ראָלן.

— דאַכט זיך, וואָס? אין דער אמתן!

אַן אָנגענעמע ליטעראַרישע פֿאַרזאַמלונג — אַ ביסל אַר-בעטער, אַ ביסעלע אינטעליגענץ, אַ פּאָר יונגעלייט, וואָס האַלטן פֿאַר זייער ליטעראַרישן חוב צו ווייזן יעדן פֿאַרבייפֿאָרנדיקן יידישן שרייבער — היינריך היינעס קבר, ווערסאַל, דעם מאָנ-מאַרטר, די האַלן, דערציילן זייערע אַווטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער וועל—טאון ריידן וועגן דער „יואַנט פֿון קאָמונאַרן" אויפֿן פּער-לאַ-שעז, פּונקט ווי זיי וואָלטן אונטער דער וואַנט דאָס לעבן פֿאַרבראַכט, און אַזוי יונגערמאַנטשיקעס מיט שטאָלצע בליקן אין די געזיכטער, מיט געקרויזלטע בליאַסקעדיקע האָר און מיט בליאַסקעדיקן חשק צו שרייבן פֿערזן און נאָך און נאָך — ביז דער סאַמע בינע זיינען זיי אַלע „היימישע" פֿאַרפּלייצט.

און אָט איז שאַגאַל מיט זיין שטענדיקן גוטן שמייכל אויפֿן ליכטיקן כמעט קינדישן פּנים, אָט איז וואַרשאַווסקי, דאָ איוואַן גאָל און דאָרט אַלעקסאַנדער קוסיקאָוו,—אַלץ אייגענע מענטשן, אַן אייגענער אינטערנאַציאָנאַל, — אַפֿילו דער טונקעלער פּעלט אויך נישט, און וואָס נאָך?

— נאָך עטלעכע וואַרעמע חברישע ברוך-הבא-ווערטער פֿאַר אַ געקומענעם חבר —

— פאַר ה. לייוויקן.

דאַכט זיך, אַזאַ געוויינלעכע ערשיינונג אין אונזער ליטעראַרישער טאָג־טעגלעכקייט און —

זעסט גאָר, זעסט, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַ יאַרידל, קיין עין־הרע נישט, ס'איז געוואָרן.

זעסט גאָר, זעסט, וואָס פאַר אַ געהויבענע געסט מ'האָט עס מטריח געווען פונם פאַנטעאָן און פונם פער־לאַ־שעז און פונם ליכטיקן גן־עדן און פונם פינסטערן גהינום, — און מען גייט און מען גייט, ווי ביי קאַציזנען די „געסט" און ווי ביי סעגאַלאָוויטשן די ראָמאַנען, אַלץ איז אויף די פיס און אין דער באַוועגונג, און אָט דער גאַנצער קאַרנאַוואַל פון גייסטער איז אַלץ צוליב די פאָר וואַרעמע ווערטער, וואָס מ'האָט דאָ אויסגעציילט במזומנים פאַר אַ דורכגעפאָרענעם חבר און אַלץ — איר, ליבע אַמעריקאַנער קאָלעגן!

כאָטש ס'איז אַפילו ניט פון די גאָר לייכטע זאַכן זיך צו פונאַנדערקלייבן, וואָס זייט איר אייגנטלעך אויסן מיט דעם גאַנצן איבערשרעק און מיט דעם שטיקעלע פאַניק, וואָס איר האָט אויפגעהויבן אַרום דעם אומשולדיקן ענין.

— אָפּנעמען צוריק ביי לייוויקן די עטלעכע ווערטער?

— וואָלט איר אַזוי געזאָגט!

וואָלטן מיר געהערט קלאָרע דיבורים.

מעגלעך, אַז ער וועט זיי אייך, בכבוד גדול, אָפּגעבן, אויב ער גדעדענקט זיי נאָך.

מעגלעך — נישט.

אָבער לויט אייער בריוו איז נמצא, אַז איר פאַרלאַנגט בכלל דין־וחשבון, רעוויזיע, אַזוי צו זאָגן.

— נו, אַדרבא, זאָל אייך וואויל באַקומען און לאָז זיין „שלוה", ווי מאַקס עריק זאָגט.

— שאַ!

— אַזוי אַרום גרייכן מיר צו:

אין וואָס האַנדלט זיך עס?

אין אַ רעוויזיע איבער לייוויקס דיכטונג?

אין אַ רעוויזיע איבער מיין לייוויק־אָפּשאַצונג און אין אַ רעוויזיע איבער מיינע מיינונגען איבער דער וואָרט־קונסט?

די אַלע דריי אָנגרייפנדיקע מאָסיוון פלעכטן זיך דורך אין אייער בריוו אינאייניעם, איינער מיטן אַנדערן פאַראייניקט און אַזוי אַרום שטעלן זיי אויף די דרייגעשטאַלטיקע טענה אייערע צו מיר.

1) וועגן דעם ניט פאַסיקן, כמעט ניט דערלאָזבאַרן שידוך פון צוויי אַזעלכע קעגנגעזעצטע קאָנצעפּציעס ווי, — צום ביישפּיל: —

**אומקום**
**און**
**אויסגאַנג,**

אויף וועלכן אני הקטן, אַ פאַרפירטער דורך דער „וועגטקע פון יובלדיקער קריטיק", בין איינגעגאַנגען, — זאָגנדיק, אַז לייוויק האָט בשלום געגרונטעוועט די טיפן אויף וועלכע י. ל. פרץ האָט אָנגעוויזן;

2) וועגן מיין אומפאַראַנטוואָרטלעך אָפּשאַפן די חזקה־מאָס פונם ליטעראַרישן אַרשין אין באַצוג צו לייוויקן און ניט פאַרבייטן זי מיט קיין אַנדער מין פון מעסיקייט, ניט געקוקט דערויף, וואָס איך בין צו אַזאַ חוב פאַרפליכטעט, לויט דעם מאַניפעסט פון „כאַלאַסטרע", און ניט געקוקט דערויף, וואָס קונסט איז צו אַזאַ אומבאַדינגטקייט מחייב פון איר זייט.

און דריטנס?

דריטנס — מיין פּראָקלאַמירונג אויפן ראַדיאָדראָם פון דער אייראָפּעיִשער קולטור און קונסט, אויפן פּאַריזער מאָנטפּאַרנאַס די „אַגמעסיקייט", ניט האָבנדיק באַצייטנס ערקלערט וועגן מיין פּאַרראַט צו דער „מאָס" און וועגן מיינע וועקסלען דעם „יש" מיטן „אַין".

אָט אַזוי זעען זיי דאַכט זיך אויס אייערע טענות, אויב איך האָב זיך אין זיי ריכטיק פונאַנדערגעקליבן.

איך וועל מיך באַמיען ענטפערן אויף אַלע — און טאָמער האָב איך עפּעס ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין פאַרשטאַנען, זאָלט איר אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן, ווייל אייך, ווי ס'ווייזט אויס, זיינען אויך ניט אינגאַנצן קלאָר געווען די „געשעעענישן אין פּאַריז אויף רי־לאַנקרי", בשעת איר האָט געשריבן אייער בריוו.

איבעריקנס, וועט איר דאָס שלעכט־פאַרשטאַנענע אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

מירן אָנהייבן פון לייוויקן, ווייל ער איז דאָך די אַקס, אַרום וועלכער ס'דרייען זיך די רעדער פון באַגאַנגענע עוולהס.

ס'איז דאָך איבעריק אייך צו דערמאָנען, ליבע חברים, אַז לייוויק איז איינער פון די גרעסטע און פּרוכטבאַרסטע באַשטאַנדטיילן פון דער יידישער דיכטונג, איינער פון די בעסטע רובריקן אינעם אַקטיוו פון דער יידישער ליטעראַטור.

און זיין אומרויִק פאַר דעם ציקל לידער אונטערן נאָמען „אומקום", אַז ער ברענגט אונז, חלילה, דעם אונטערגאַנג, איז כמעט ניטאָ קיין ווערטע סיבות, ווערטע קאָלעגן, — פּונקט ווי ס'זיינען ניטאָ קיין ווערטע סיבות זיך באַזונדער צו פרייען פון די לידער, וואָס זינגען וועגן אויפגאַנג.

אין דער באַשטימונג האָבן זיי, מסתמא, ביידע—אי די, אי יענע, גלייכע דעות.

גאָר דער פּאָעט זינגט זיך. וואָס דען זאָל ער טאָן? אויף דעם איז ער אַ פּאָעט. ס'איז זיין זאַך.

און ער ווייסט אפשר צומאָל אַליין ניט, ווי מ'כאַפּט זיך אָפּ אָן אָן זיינס אַ אומשולדיק וואָרט און מען פאַרגוואַלדיקט עס מיט געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט.

— אַזוי פירט זיך שוין, ליבע חברים, אין דער וועלט.

און דאָס נעמלעכע האָט געטראָפן מיטן אומשולדיקן וואָרט ביי לייוויקן, וואָס איז צו אים מסתמא געקומען אַזוי צופעליק, ווי צופעליק ס'קומען אַ סך אַנדערע געלונגענע אָדער ניט־געלונגענע ווערטער און גראַמען.

און בויען לייוויקס דיכטערישע וועלטאַנשויונג אויף די עטלעכע לידער „אומקום" איז פּונקט אַזוי ניט באַרעכטיקט און איבערטריבן, ווי ניט באַרעכטיקט און איבערטריבן ס'איז די סכנה פאַר אַווירקלעכן אונטערגאַנג צוליב זיי.

און מיר דאַכט זיך, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג מיט דעם פּראָבלעם פון „סוף" און אונטערגאַנג האָט מען לייוויקן איינגערעדט און אָנגעהאַנגען פון דרויסן, ווי אַ אידעאָלאָגישן געשאַנק, ווי אַזאַ מתנה (מסתמא די וואָס ווילן ער זאָל שוין וואָס גיכער אונטערגיין) און ער טראָגט זי נעבעך אַרום, ד' מתנה, ווי אַ פּאַפּראָסענע כריזאַנטעם אין דעם לאַץ פון זיינע פּאָעטישע מלבושים און שעמט זיך געוויס מיט איר און נודיעט זיך מיט איר, — און דעם ליכטיקן סוף וועט זי מסתמא האָבן צוזאַמען מיט די „מלבושים", פון וועלכע לייוויק איז מעגלעך נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעטאָן און באַפרייט.

אָבער איין זאַך איז דאָ אַ ביסל ניט קלאָר. נעמליך:

— פאַרוואָס באַמערקט איר ניט, ליבע חברים, אין לייוויקן מער ווי די לידער פון „אומקום" און וואו איז דער לייוויק פון אַנדערע לידער?

צי האָט איר ביי אַזאַ קאָלאָסאַלער באַלעזנקייט, וואָס איר באַזיצט, קענטיק, צי האָט איר צומאָל ניט באַמערקט אַ בוך לידער פון לייוויקן, וואָס הייסט ניט „אומקום"?

צו האָט איר אפשר אויך אַמאָל באַמערקט אַ בוך „דער

גולם" פון זעלבן מחבר, אַ פּאָעמע „ל"ו" און אַנדערע ווייס ניט קיין אומגעקומענע זאַכן. צי די אַלע ביכער זיינען פאַר אייך אומגעקומען? —

איך זאָל וויסן אויף אַן אמת, אַז איר האָט זיך מיט די ביכער ניט אָנגעשטויסן, וואָלט איך געוועז מוכן ומזומן זיי אייך צו שיקן פון דער דריטער וואַרשעווער אויפלאַגע.

ס'איז דאָ איצט אַ זיכערע געלעגנהייט. אָפּאַטאָשו פאָרט אינגיכן קיין אַמעריקע.

אָבער —

אָבער, אַלנפאַלס, האָט איר אין דעם אַ קלאָרן ענטפער אויף אייער הויכגעשעצטן קעגנזאַץ, אויף די אַנטיטעזן פון „אומקום" און „אויפגאַנג", — דעם סינטעז, פון וועלכן ס'איז לייכט צו געפינען ביי לייוויקן גופא.

וואָס איז שייך דער טענה: —

ווי קאָן מען זיך עס באַגיין אָן דעם „אַרשין" —

ווי קאָן מען זיך אָן אים באַגיין אין אַלגעמיין און איבערהויפּט — ווי קאָן איך זיך באַגיין אָן אים אין באַצוג צו לייוויקן,

— איך — זייגער אַ קעגנזאַץ, אַ לעבעדיקער קעגנזאַץ, וואָס קאָן ניט פאַר דער עוולה איינליגן רויק אין דער „כאַליאַסטריע", איז —

— ממה־נפשך:

— דאַרף מען אַ מאָס צו מעסטן קונסט און קינסטלער, איז דאָך אַבסאָלוט ניט וויכטיק —

— ווער צי וועמען

— מ'דאַרף, איז דאָס אַ מוז, אַ גזרה, אַ געזעץ פאַר אַלע, ניט אָפּהענגיק פון די קעגנגעזעצטע טעמעס, מיט וועלכע איינער אָדער אַ צווייטער פאַרנעמט זיך.

ס'וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַן איבערפלעכלעקייט צו מיינען, אַז דער גזר איז אויסגעגאָסן געוואָרן גראָד אויף מיר ספּעציעל אין באַצוג צו לייוויקן.

מוזן מיר דאָס באַטראַכטן אַלס אַן אַלגעמיין געזעץ אין דער קונסט, וואָס גייט אויסער אייער ווילן אַריבער די גרעניצן פון אַ קינסטלערישער פּערזאָן —

אַזאַ אָדער אַן אַנדערער.

און דאָ, ליבע חברים, בין איך אַ ביסל פאַרוואונדערט.

איר ווייסט, מסתמא, גאַנץ גוט ניט ווייניקער פון מיר, אַז פון דעם מאָמענט אָן, ווען די דיכטונג איז אַוועק פונם נאַטוראַליזם, ווען דער קרייז ערשיינונגען פון אויסן, וואָס איז אָנגעוויזן בלויז אויף דער באַגרענעצטקייט פון אָפּטיק, ווען די גאַנצע אויסערלעכע נאַטור האָט זיך געשטעלט צו דינסט אַלס אימפּולס צו אַנטפּלעקן די אינערלעכע ניט־אויסמעסטבאַרע נאַטור פון קינסטלער, די אומקערפּערלעכע גרענעצלאָזע נאַטור פון גייסט, וואָס וואַרפט זיך ניט אונטער קיין רוים און קיין צאָל פון ליטעראַרישע מאָסן און ליטעראַרישער אַריטמעטיק, — אַז פון דעם מאָמענט אָן האָט דער אַזוי־גערופענער ליטעראַרישער אַרשין זיך אַליין צעבראָכן פאַר חרפּה און פון אומנוציקייטס וועגן.

איז וואָס זאָל מען מעסטן?

מעסטן אַ ליד, צי ס'איז גוט געבויט?

אַ טעכניש־גוט געבויט ליד געהערט צו מלאכה. און ס'האָט אין איר גוט געבויטקייט גאָרניש־ניט צו טאָן מיט קיין אַנטפּלעקונג פון גייסט, וואָס קאָן זיך אָפּטמאָל אַרויסרייסן מיט אַ גענישאַלער פאָרמלאָזיקייט פון אַ פאָלקס־ליד.

און זייט זיכער, חברים דיכטער, אַז אַזאַ ליד שטימט אויך.

— מעסטן קאָן מען נאָר געגנשטאַנדן פון דרויסן, און גייסט דאַרף מען נישט מעסטן, נאָר — האָבן און באַגרייפן!

מיר האָבן געקאָנט מעסטן דעמאָלט, ווען די ליטעראַטור האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאָטאָגראַפירן די „נאַטור" אין „בילדלעך", כדי מיט די פאָטאָגראַפיעס די נאַטור צו באַשיינען.

דעמאָלט האָבן מיר געקאָנט אויסמעסטן אַפילו מיט „אַרשינען" די גענויקייט, די פּינקטלעכקייט פונם באַשרייבענעם און אָפּגעמאָלטן.

פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער אמת, אַז $2 \times 2 = 4$ האָט אויפגעהערט צו גילטן פאַר דעם אומבאַפרידיקטן גייסט פון קינסטלער, — האָט גלייכצייטיק אויפגעהערט צו גילטן די אַריטמעטיק פון מאָסן.

און מיט וועלכע מאָסן האָט איר געמאָזסן דאָס געזאַנג פון אינטראָספּעקציע?

מיט דער מאָס פון שיינקייט, פון רייפקייט? אפשר מיט דער מאָס פון קאָנסטרוקציע און אַרכיטעקטאָניק?

און מאָסן זיינען דאָך געווען אַ סך, מסתמא ניט ווייניקער ויפל לעזער! דערפאַר ווייסט איר מסתמא אויך, אַז יעדע ערשיינונג, וואָס קאָן געמאָסטן ווערן מיט אַ סך מאָס, האָט נישט קיין מאָס קיין איינציקע.

נאָך, ליבע קאָלעגן, וואַרפט איר מיר פאָר, אַז ווען מען וועקסלט אַן אָנשויונג, אַז מען הערט אויף צו גלויבן אין איין אידעע לטובת אַ צווייטער, איז די התחייבות צו דערקלערן און קלאָר מאַכן דעם „יש", מיט וועלכן מען וועקסלט דעם „אַין".

נו, אין ענין „וועקסלען" בין איך ווירקלעך אַ ביסל שוואַך. האָט מיר דאָס ניט קיין פאַריבל.

מיר דאַכט זיך, אַז אַ דיכטער וועקסלט זיך איבערהויפּט נישט. אַ דיכטער וואַקסט.

ער וואַקסט אַרויס פון איין עטאַפּ און וואַקסט אַריין אין אַ צווייטן, אין אַ העכערן, אין אַ ווייטערן.

און וואָס העכער ער וואַקסט, אַלץ ברייטער ווערן פאַר אים די ברייטקייטן, אַלץ קלענער ווערן פאַר אים די קליינינקייטן.

סיידן זיי וואַקסן, רחמנא־לצלן, צוריק. און איצט, צום סוף, „די טאָסטמייסטערישע רעדע" אויפן אָוונט אין פּאַריז, אויף וועלכן איך האָב זיך אויסגעדריקט, אַז לייוויק האָט בשלום געגרונטעוועט די טיפ;, אויף וועלכע י. ל. פּרץ האָט אָנגעוויזן.

נו, ליבע קאָלעגן! ווילט איר אַ טאָסטמייסטערישע רעדע, איז אויך ניט קיין עוולה. פאַרוואָס נישט.

דער מאָנטפּאַרנאַס איז זייער גאַסטפריינדלעך; ניט נאָר צו לייוויקן, נאָר צו יעדן אמתן דיכטער, און דאָס געפיל פון גאַסטפריינדלעכקייט ווען מיר דאָ ניט מיט „אונצן" און „גראַמען" אויף אַפּטייקאַריש־ליטעראַרישע וואָגשאָלן, פּונקט ווי מיר מעסטן ניט מיטן סאַנטימעטער די טאַלענטן.

קומט אויך צו פאָרן. מיר האָבן פאַר איך אַלעמען גענוג ליבע און סימפּאַטיע.

אָבער בלויז, צום באַדוירן, האָט איר אין מיין אויסדרוק דערהערט טאָסטמייסטערשאַפט.

פאַר מיר האָט דאָס געהייסן איבערגעבן אַ גרוס פון דער יידישער דיכטונג צו דער וועלט.

ניט אַ רעדע פאַר לייוויקן.

ווייל ווען מען רעדט וועגן לייוויקן, ווי וועגן אַן אַנדער באַדייטנדיקן דיכטער, רודערט מען במילא אויף די גאַנצע יידישע דיכטונג; פּונקט ווי ווען מען גיט אַ טרייסל אַ שטאַרקע גרויסע צווייג פון אַ בוים, רודערט זיך אויף דער גאַנצער בוים.

דעריבער איז מיין אויסדרוק אויף לייוויקס אָוונט אין פּאַריז געווען געווענדט במילא אויף דער גאַנצער אויסגעוואַקסענער נייער יידישער דיכטונג אין דער רעפּרעזענטאַנץ פון דעם, וואָס

איז אויפן אָוונט געווען—גאַסט. און מיט דעם גאַנצן באַוואוסטזיין פון פולער אחריות וואָלט דאָס זעלבע געקאָנט געזאָגט ווערן אויפן אַדרעס פון אַנדערע באַדייטנדע יידישע דיכטער, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. דאָס איז ניט קיין פּאַ־טענטירטע פאָרמול פאַר לייוויקן, נאָר פאַר דער גאַנצער וואַקסנ־דיקער יידישער דיכטונג, וואָס איז ערלעך מקיים די גייסטיקע צוואה פון י. ל. פּרץ.

דערמיט ווערט ןאויסגעשלאָסן יעדע באַהויפּטונג, אַז אַנ־דערע דיכטערישע עקספּעדיציעס פון אונזער ליטעראַטור זיינען חלילה פאַרלוירן געגאַנגען.

ניין.

פאַרלאָרן פאַר דער יידישער דיכטונג איז דאָס, וואָס איז בכלל ניטאָ.

# די צענטראַלע פאַר יידישער ביבליאָגראַפיע

## מ. ווייגרייך

עס איז אַ מאָדנע זאַך, וואָס דעם ענין יידישער וויסנשאַפט־לעכער אינסטיטוט האָט מען גענומען באַהאַנדלען דווקא פון אַ פּאָר־מעלער זייט: ווי אַזוי זאָל דאָס קינד הייסן: זרח צי טאָדרעס. געוויס איז זייער אַ וויכטיקע זאַך סיי ביי אַ מענטשן, סיי ביי אַן אינ־סטיטוציע ווי אַזוי זיי הייסן. אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָך, וואָס דער מענטש אָדער די אינסטיטוציע איז. מיר דוכט, אַז ביי היינ־טיקן טאָג וואָלט געווען אַ סך וויכטיקער געווען צו דיסקוטירן ניט וועגן פאָרמאַליטעט, נאָר וועגן די קאָנקרעטע פּלענער פון צענטראַ־ליזירטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע עס האָט איינגעאַרבעט די בערלינער פאָרקאָנפעראַנץ 7—12 אויגוסט.

היינטיקס מאָל וויל איך באַרירן אַן ענין, וועלכער גייט אויך אַריין אין דער פּראָגראַם פון די אָנגעמערקטע נאָענטסטע אַרבעטן. דאָס איז די שאַפונג פון אַ יידישער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע.

מען האָט שוין ביי אונז וועגן דעם ענין היפּש געשריבן און גערעדט, אָבער ביי די רייד איז מען געבליבן. דאָס איז ניט דערפאַר, וויל עס איז נאָך ניט געווען בנמצא די פּאַסיקע אינסטיטוציע מיט די נעהעריקע גרעסטער־כוחות, נאָר אויך איבער דעם טעם, וואָס מען האָט זיך פאַרמאָגט ניט באַוויזן אין מחמת דעם פּאַרזען דאָס מעגלעכע. איך קלאָר, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל מען האָט בדעה צו רעגיסטרירן און וועלכע ניט.

אָט איז אַ סכעמע פון דעם, ווי אַזוי איך שטעל זיך פאָר די אַרבעט. איך שטרייך אונטער, אַז דאָס איז מער ניט ווי מיין פּער־זענלעכע מיינונג. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן אינסטיטוט האָט דורך דער פילאָלאָגישער סעקציע געשאַפן אין הילנע אַ קאָמיסיע, וועלכע וועט אַלע פּרטים פון דער קומענדיקער אַרבעט באַהאַנדלען באַריכות און דערנאָך צוטריטלעך מאַכן אירע באַשלוסן פאַר ברייטערע קרייזן. די דאָזיקע שורות מיינע זיינען בלויז מאַטעריאַל פאַר אַ דיסקוסיע.

### וואָס זאָל רעגיסטרירט ווערן?

ערשטנס, אַלע ביכער, וועלכע גייען אַהיים אין יידיש, אומ־אָפּהענגיק פון זייער אינהאַלט און פון זייער וויסנשאַפטלעכן אָדער ליטעראַרישן ווערט.

צווייטנס, אַרטיקלען פון זשורנאַלן.

דריטנס, דער וויכטיקסטער מאַטעריאַל פון צייטונגען. דאָס איז וויכטיק בכלל, דאָס איז נאָך מער וויכטיק ביי אונז, וואו אַ גרויסער טייל פון דער ליטעראַרישער שאַפונג ווערט געדרוקט אין די צייטונגען



איך ליגן [...], אָבער מיר דוכט זיך, אַז וואָס ווייטער אויף מערב, אַלץ מער [...]ילן מיר באַגעגענען פאַרשטאַנד פאַר אונזער זאַך, אַזן דעם גרעס[...] חשק אונז צו העלפן וועלן אַרויסהייזן דווקא [...] סאָרלעגער־[...] וועלכע דרוקן ניט אויף יידיש. פאַרפאַלן, מען מוז דאָך רעכענען [...] די פאַקטן און האָפן צו גאָט, אַז עס וועט ביי אונז אויך קומען אַ צייט, ווען אַ פאַראייניקונג פון די יידישע פאַרלעגער אויף דער [...]אַנצער וועלט וועט איבערנעמען אויף זיך די פינאַנציעלע זאָרג פאַר אינזער צענטראַלע, פּונקט ווי דער „בערזע־פאַראיין פון דייטשע [...]כהענדלער" האַלט אויף די „Deutsche Bücherei".

אי[...] וואָס־ווען וועלן מיר דאַרפן, מיין איך, איינפירן צווייערליי קאַרטעס [...]מיר זאָגן גרינגע און ווייסע): פּראָוויזאָרישע און ענד־גילטיקע. אויף די פּראָוויזאָרישע וועלן מיר פאַרצייכענען יענעם מאַ־טעריאַל, [...]אָס מיר באַקומען פון דער צווייטער האַנט: פון קאַטאַלאָגן, מודעות, [...]ביבליאָגראַפישע נאָטיצן וכדומה. פון אַזוינע מקורים קען מען דאָס [...] ניט שעפּן אַלע ידיעות, וואָס מען באַדאַרף; אָבער אַ ביסל אי[...] בעסער ווי גאָרניט. טאָמער באַקומען מיר נאָכדעם דעם אָריגינאַל [...]פילן מיר אים אַן ענדגילטיקע קאַרטע, און די פּראָוויזאָרישע וואַרפן [...] אַרויס.

### וואָס זאָל שטיין אויף דער קאַרטע?

דאָ קענען געמאָלט זיין צוויי פּרינציפּן: אָדער נאָר פאָרמעלע ידיעות [...]חבר, נאָמען, אָרט און צייט פון ערשיינען, צאָל זייטן, פאָרמאַט [...]אַז"ח) אָדער אויך אַ באַשרייבונג פון דעם אינהאַלט. דאָס צוו[...]מע מיינט ניט קיין קריטיק, וואָס דאָס איז שוין אַ זאַך אַ סוביעקטיווע, נאָר אַ ריין־אָביעקטיווע כאַראַקטעריסטיק, אַ שטיי־גער אַן אויסצוג פון דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש. אָבער איך האָב מורא, [...] מיר וועלן מוזן בלייבן ביי דעם ערשטן מאָדוס, וויל

# דער שוואַרצ[...]

(דראַמאַטישע [...]